NEW

# לקוטי שיחות

VAYEILECH וילך

VOLUME 2, P. 407-414

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAYEILECH I | וילך א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Nitzavim-Vayeilech,* 5712 (1952)

## Introduction

On Rosh HaShanah, we step beyond our day-to-day routines. The *shofar's* calls awaken us to a reality beyond simple material existence. Standing before G-d as our King and accepting His sovereignty elevates us to a place not governed by reason or logic. The day demands *bittul* – complete self-nullification – that lifts us entirely beyond our usual concerns with the practical and the mundane. For these sacred hours, we touch something infinite.

Yet returning to routine after Rosh HaShanah is inevitable. *Parshas Vayeilech*, often read in the days following the holiday, provides the key to navigating this transition without losing what we've gained. The guidance of this Torah portion facilitates the maintenance of our spiritual elevation while re-engaging with everyday life.

This guidance is expressed in an intriguing detail from the Torah reading: G-d commands Moshe to take the Torah scroll he wrote and place it in the Holy of Holies – that miraculous space where infinite Divinity was manifest in our material world. The Holy of Holies transcended physical space and time, while the Torah scroll, though sacred, remained very much part of this world. Through it, transcendence is extended into a world that is ordinary.

Following this motif reveals how we can carry Rosh HaShanah's transcendence into the entire year – and ensure not just spiritual elevation, but the visible, tangible blessings we seek for a good and sweet year.

# For Holiness to Spread

## The Convergence of the Transcendent and the Natural

**1. This week's Torah reading states,[1] "Take this Torah scroll[2] and place it aside the Ark of the Covenant of G-d your L-rd."**

**The Talmud[3] presents two opinions regarding this matter. According to one opinion, the Torah scroll was placed inside the Ark together with the Tablets** of the Ten Commandments. **By contrast, the second opinion maintains that the scroll was placed** outside – **at the side of the Ark. However, according to both opinions, the Torah scroll was located in the Holy of Holies. This means that, in the Holy of Holies, there were both the Tablets, which contained engraved letters, and the Torah scroll, which contained written letters.**

**Clarification is necessary regarding the connection between the Torah scroll – written letters – and the Holy of Holies. The connection between the Tablets – engraved letters – and the Holy of Holies is understandable because, in the Holy of Holies, "the place of the Ark transcended measurement." That is to say, although** the Ark **had a limited space – two and a half cubits long…[4] – that place itself transcended physical space.[5]**

**Similarly, since time and space are interconnected, in the Holy of Holies, time also transcended** its ordinary dimensions.

א. אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה שְׁטֵייט, לָקֹחַ אֵת סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה וְשַׂמְתֶּם אֹתוֹ מִצַּד אֲרוֹן בְּרִית ה׳ אֱלֹקֵיכֶם[א].

אִין גְּמָרָא[ב] זַיְינֶען פַּארַאן צְווֵיי דֵיעוֹת וֶועגְן דֶעם. אֵיין דֵיעָה אִיז, אַז דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִיז גֶעלֶעגְן אִין אָרוֹן צוּזַאמֶען מִיט דִי לוּחוֹת, אוּן אַ צְווֵייטֶע דֵיעָה אִיז, אַז זִי אִיז גֶעלֶעגְן בְּצַד הָאָרוֹן. אָבֶּער לוֹיט בֵּיידֶע דֵיעוֹת אִיז דִי סֵפֶר תּוֹרָה גֶעוֶוען אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים.

דָאס הֵייסְט, אַז אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים זַיְינֶען גֶעלֶעגְן סַיי דִי לוּחוֹת - אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה, אוּן סַיי דִי סֵפֶר תּוֹרָה - אוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן סֵפֶר תּוֹרָה - אוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה - צוּ קָדְשֵׁי קָדָשִׁים.

דִי שַׁיְיכוּת פוּן דִי לוּחוֹת - אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה - צוּ קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, וַוייל אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז דָאךְ דֶער מְקוֹם הָאָרוֹן אֵינוֹ מִן הַמִּדָּה, דָאס הֵייסְט אַז כָאטשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מָקוֹם מוּגְבָּל, אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ וגו׳, אִיז אָבֶּער דֶער מָקוֹם אַלֵיין גֶעוֶוען לְמַעְלָה מִן הַמָּקוֹם.

- אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער זְמַן פוּן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים גֶעוֶוען לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, וָוארוּם זְמַן מִיט מָקוֹם זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן -

---

1. *Devarim* 31:26.

2. The Torah scroll written by Moshe himself.

**3. *Bava Basra* 14a-b, cited by *Rashi* in his commentary on the above verse.**

4. *Shmos* 25:10.

5. The entire span of the Holy of Holies was 20 cubits. There were 10 cubits on every side of the Ark, and the Ark itself was 2 ½ cubits long and 1 ½ cubits wide. Miraculously, the space occupied by the Ark was not included in the measure (*Yoma* 21a).

Similarly, **the engraved letters reflected transcendence. Although they were actual letters, with the dimensions and measurements that letters must have, nevertheless, they were not a further element added to the substance of the Tablets,** but engraved within the stone itself. **This detail represents the** fundamental **difference between written letters and engraved letters: Written letters involve** augmenting – i.e., **adding ink to – the parchment, whereas engraved letters are part of the substance** of the Tablets **themselves.**

**This was particularly evident in the letters *mem* and *samech* in the Tablets, which miraculously remained standing** despite having no material support.[6]

**Accordingly, the connection between the engraved letters and the Holy of Holies is clear.** Both represented the revelation of G-dliness that transcends the world's natural limits as it is expressed within our material world. **What, however, is the connection between the written letters** – which were ordinary letters, ink on parchment – **and the Holy of Holies?**

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה. הֲגַם זֵיי זַיְינֶען אַ מְצִיאוּת פוּן אוֹתִיּוֹת, מִיטְן שִׁיעוּר וּמִדָּה וָואס אוֹתִיּוֹת דַארְפְן הָאבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי אִין דִי לוּחוֹת נִיט מוֹסִיף גֶעוֶוען - וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער חִילוּק פוּן אוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה בִּיז אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה, אַז אוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה אִיז אַ דָבָר נוֹסָף - דְיוֹ - אוֹיפְן קְלַף, אָבֶּער אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה זַיְינֶען מִנֵּיהּ וּבֵיהּ,

וּבִפְרַט דִי אוֹתִיּוֹת מֵ"ם וְסַמֶ"ךְ שֶׁבַּלּוּחוֹת - שֶׁבְּנֵס הָיוּ עוֹמְדִין[ו].

בְּמֵילָא אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק דִי שַׁיְיכוּת פוּן אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה צוּ קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶּער וָואס אִיז דִי שַׁיְיכוּת פוּן אוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה צוּ קָדְשֵׁי קָדָשִׁים?

## Extending the Boundaries of Transcendence

**2. The purpose of the Holy of Holies was that its** essential **quality – time and space that transcended ordinary time and space – should radiate outward** – extending to **the courtyard of the *Kohanim,* the courtyard of the Israelites, the Women's Courtyard, the mountain of the *Beis HaMikdash,* and even beyond that mountain.** The goal was that **even the nations of the world – wherever they are located,** not **only when they come to the *Beis HaMikdash* – should recognize that time and space transcend** ordinary **time and space.** Appreciating this reality will lead to **the fulfillment of** the prophecy,[7] **"Strangers will rise and pasture your flocks."**

ב. דֶער תַּכְלִית פוּן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז, אַז זַיְין עִנְיָן - זְמַן וּמָקוֹם לְמַעְלָה מִזְּמַן וּמָקוֹם - זָאל לַיְיכְטְן אוֹיךְ מִחוּץ לְקָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אִין עֶזְרַת כֹּהֲנִים, עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל, עֶזְרַת נָשִׁים, הַר הַבַּיִת אוּן אוֹיךְ מִחוּץ לְהַר הַבַּיִת, בִּיז אַז אוֹיךְ אוּמּוֹת הָעוֹלָם - דָארְטְן וואוּ זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ, נִיט נָאר וֶוען זֵיי קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - זָאלְן וִויסְן אַז זְמַן וּמָקוֹם אִיז לְמַעְלָה מִזְּמַן וּמָקוֹם, וָואס מִצַּד דֶעם אִיז וְעָמְדוּ זָרִים וְרָעוּ צֹאנְכֶם.

---

6. ***Shabbos* 104a, *Megilah* 2b.** The final *mem* and the *samech* contain enclosed spaces within their forms. The letters of the Ten Commandments were engraved from one side of the tablets to the other. Thus, when these letters were engraved into the stone tablets, the inner sections had no physical connection to the surrounding stone, yet they miraculously remained suspended in place.

7. *Yeshayahu* 61:5.

**To facilitate** this extension of the holiness of the Holy of Holies and the resulting consequences within the world at large, **written letters were also placed in the Holy of Holies. They served as the conduit through which the light of the Holy of Holies extended also into the realm of ordinary physical existence.**

אוּן דֶערְפַאר זַיְינֶען אוֹיךְ אוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה גֶעלֶעגְן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, דָאס אִיז דֶער מְמוּצָע אַז דֶער אוֹר פוּן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיךְ אִין מְצִיאוּת וְיֵשׁוּת שֶׁבְּחוּץ.

## The Ongoing Echo of Rosh HaShanah

3. *Chassidus*[8] **explains the superior quality of the Divine service of Rosh HaShanah when compared to the Divine service of the entire year. Throughout the year, our Divine service primarily follows reason and understanding. Even the self-sacrifice demanded during the year has** at least **some connection to reason and understanding. However, the Divine service of Rosh HaShanah involves** ***bittul*** **("self-nullification") that transcends reason and understanding entirely.**

ג. עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת דֶער אוֹיפְטוּ פוּן עֲבוֹדַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף דֶער עֲבוֹדָה פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אַז אַ גַאנְץ יָאר אִיז דֶער עִיקַר עֲבוֹדָה עַל פִּי טַעַם וָדַעַת, אוּן אוֹיךְ דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן אַ גַאנְץ יָאר הָאט עֶפֶּעס אַ שַׁיְיכוּת צוּ טַעַם וְדַעַת, אָבֶּער דִי עֲבוֹדָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז בִּיטוּל וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן הֶעכֶער פוּן טַעַם וְדַעַת.

We **must** draw a lesson from the juxtaposition of *Parshas Vayeilech* to Rosh HaShanah: **True, throughout the entire year, the approach of** ***bittul*** **that transcends reason and understanding is not required. Nevertheless, even during the entire year, when a person exists in his** ordinary **reality, his Divine service must be** influenced by and reflect **the** ***bittul*** **of Rosh HaShanah. This resembles the manner in which** the transcendence of **the Holy of Holies would extend even into the written letters and,** from them, **even outside,** to the world at large.

דַארְף מֶען וִויסְן, אַז כָּאטשׁ אַ גַאנְץ יָאר מָאנְט מֶען נִיט דִי תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל לְמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר בְּשַׁעַת עֶר שְׁטֵייט אִין זַיְין מְצִיאוּת, דַארְף זַיְין בַּיי אִים דִי עֲבוֹדָה אַזוֹי וִוי עֶס מָאנְט זִיךְ מִצַּד דֶעם בִּיטוּל פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דוּגְמַת הַמְשָׁכַת קָדְשֵׁי קָדָשִׁים גַּם בְּאוֹתִיּוֹת הַכְּתִיבָה, בִּיז אוֹיךְ בְּחוּץ.

**Through** mirroring **this** approach in our Divine service, we cause **the flow** of Divine energy and blessing **drawn down on Rosh HaShanah to descend throughout the entire year and to be manifest in actual reality, even in material matters, in whatever we need.**

אוּן דוּרְךְ דֶעם פּוֹעֶל'ט מֶען אַז אוֹיךְ דִי הַמְשָׁכוֹת וֶועלְכֶע עֶס וֶוערְן נִמְשָׁךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוּמֶען אַרָאפּ אַ גַאנְץ יָאר, אִין מְצִיאוּת, אוֹיךְ אִין גַּשְׁמִיּוּת, בְּכָל הַמִּצְטָרֵךְ.

---

8. See *Sefer HaMaamarim 5656,* p. 264; the series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 1, pp. 102ff, 126, *et al.*

## To Ensure a Good and Sweet Year

**4. The preparatory service** to extend the spiritual impact of Rosh HaShanah into the entire year **is: "You are standing today" – ("the day of great judgment")**[9] **– "all of you... the heads of your tribes... from the one who chops your wood to the one who draws your water."**[10] This implies that **an individual may be** counted **among "the head of your tribes,"** the people's leaders, nevertheless, on Rosh HaShanah, he is charged with **connecting himself with** other **Jews, including those on the level of "one who chops your wood and draws your water," so that they become** joined **as a** single **entity, "all of you"** – all truly **one.**[11]

**Making no distinctions between "the heads of your tribes" and "one who chops your wood and draws your water" endows** a person **with the strength not to make a distinction between the Divine service of Rosh HaShanah,** the "head" of the year, **and** that of **the** rest of the **year.** By joining in unity with the entire Jewish people, he enables **the *bittul* of Rosh HaShanah to illuminate** his Divine service **throughout the entire year.**

**Through this approach,** the person **causes the flow** of Divine energy and blessing **from Above to be felt everywhere,** having a comprehensive effect upon all existence **to the extent that** we will witness the fulfillment of the prophecy, **"Strangers will arise and pasture your flocks."**

The catalyst for this transformation is **generated when a person arouses the *bittul* of Rosh HaShanah in the "stranger" within himself – namely, his body and animal soul – and also in the "stranger" within another Jew. By doing so, he thereby brings about a transformation among the nations of the world – the true strangers. They come to recognize the** unique virtue **of the Jewish people and, as a result,** take it upon themselves to **"pasture your flocks."**

ד. דִי הֲכָנָה צוּ דֶעם אִיז - אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם (יוֹמָא דְדִינָא רַבָּא) כֻּלְּכֶם גו׳ רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם גו׳ מֵחוֹטֵב עֵצֶיךָ וְעַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ. כָאטשׁ אַז עֶר אִיז אֶפְשָׁר פוּן רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם, פַארְבִּינְדְט עֶר זִיךְ מִיט אַ צְוֵויטְן אִידְן בִּיז דֶעם סוּג פוּן חוֹטֵב עֵצֶיךָ וְשׁוֹאֵב מֵימֶיךָ, אוּן עֶר וֶוערְט מִיט אִים "כֻּלְּכֶם", אַלֶע צוּזַאמֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ[ז].

אִיז דָאס וָואס עֶר מַאכְט נִיט קֵיין חִילוּקִים פוּן רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם בִּיז חוֹטֵב עֵצֶיךָ וְשׁוֹאֵב מֵימֶיךָ, גִיט אִים כֹּחַ אוֹיף נִיט מַאכְן קֵיין חִילוּק פוּן דֶער עֲבוֹדָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז אַ גַאנְץ יָאר, אַז אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר לַייכְט בַּיי אִים דֶער בִּיטוּל פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוּן דוּרְךְ דֶעם פּוֹעֵל'ט עֶר אַז אוֹיךְ דִי הַמְשָׁכָה שֶׁמִּלְמַעְלָה, הֶערְט זִיךְ אָן אוּמֶעטוּם, בִּיז אַז וְעָמְדוּ זָרִים וְרָעוּ צֹאנְכֶם.

וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר פּוֹעֵל'ט דֶעם בִּיטוּל פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין דֶעם זָר וָואס בַּיי אִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, אוּן אוֹיךְ בַּיי דֶעם זָר וָואס אִין אַ צְוֵוייטְן אִידְן, דוּרְךְ דֶעם פּוֹעֵל'ט עֶר אוֹיךְ אִין דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, וָואס זֵיי זַיינֶען דִי אֱמֶת'ע זָרִים, אַז זֵיי זָאלְן דֶערְהֶערְן דִי מַעֲלָה פוּן אִידְן, אוּן וְרָעוּ צֹאנְכֶם.

---

9. *Targum, Iyov* 2:1; see *HaYom Yom,* entry 25 Elul.

10. *Devarim* 29:9-10.

11. **See *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 398, at length.**

Similarly, by bringing about this change within himself, **a person causes the flow** of Divine energy and blessing **drawn down on Rosh HaShanah to descend throughout the entire year, affecting** even **physical reality, in everything that he needs, in visible and revealed good. He will be inscribed and sealed for a good** year together with **the entire community of Israel, for a good and sweet year with goodness that is visible and revealed.**

**אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה, אַז דִי הַמְשָׁכָה וָואס אִיז נִמְשָׁךְ גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאל אַרָאפְּקוּמֶען בְּכָל הַשָּׁנָה אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיוּת, בְּכָל הַמִּצְטָרֵךְ לוֹ, בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה. מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה בְּתוֹךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לְשָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה.**

(משיחת ש״פ נצו״י, תשי״ב)

---

א) דברים לא, כו.

ב) בבא בתרא יד, א געבראכט אין רש״י דברים לא, כו.

ג) שבת קד, א. מגילה ב, ב.

ד) זע אויספירלעך לקו״ש ח״ב עמוד 398.

# VAYEILECH II | וילך ב

Adapted from a *sichah* delivered on 6 Tishrei, 5713 (1952)

## Introduction

We all have fundamental worldviews that shape the way we approach life as a whole. From a secular perspective, we each see ourselves as individuals with certain wants and desires, goals and aspirations, with a responsibility to society as a whole, and – if we are religious – with certain obligations to G-d. Fundamentally, however, our world revolves around ourselves – not necessarily in a bad way; that's just the way we are. Any person who is honest with himself understands that.

Nonetheless, we do see ourselves as living in a world with a structure and basic guidelines. That being so, we acknowledge that our relationship with the others who share our world must be fair and just. However, in reality, that approach does not go beyond enlightened self-interest. Living in such an environment is safer and more secure.

Consider a different perspective: Each human being is a holy soul, an actual part of G-d enclothed in a human body. This leads to the understanding that our lives should be directed to enabling and exercising the expression of the potentials and desires that characterize our souls.

Moreover, we should be aware that we are living in a world created and maintained by G-d at every moment and that creation has a Divine purpose. Knowledge of this basic premise should motivate us to direct our lives toward fulfilling that purpose, each of us in our own unique way, which might be very different from our neighbor's.

These broad and encompassing differences also shape the manner with which we approach particular situations on both a small and large scale.

With this backdrop, we can appreciate the uniqueness of the *sichah* that follows. In it, the Rebbe analyzes the difference between the connotations and implications of the Hebrew terms *teshuvah, tefilah,* and *tzedakah,* and the English words "repentance, prayer, and charity," which are usually offered as translations. The contrast between the Hebrew and English perspectives gives us insight into a wider and more comprehensive difference between the world outlooks they represent.

While relevant at all times, these concepts are more pertinent during the Ten Days of *Teshuvah,* when the inner spiritual potential we possess seeks to express itself. At this time, the wording of the Torah perspective speaks to us more powerfully and generates an inner desire to put its values into actual practice.

# Not Mere Linguistics

## To Increase G-d's Blessings

1. All **Jews hope that,** on Rosh HaShanah, **G-d certainly granted them and every member of their households a good and sweet year in all** its **details,** including **children,** life (health), **and sustenance in abundance, in a manner of apparent and revealed good.**

א. אִידְן הָאפְן, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זַיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעווִיס גֶעגֶעבְּן אַ גוּטְן יָאר און אַ זִיסְן יָאר, זַיי מִיט זַייעֶרֶע בְּנֵי בַּיִת, אִין אַלֶע פְּרָטִים, בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי, בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה.

**Nevertheless, there are no limits to good.** To increase the measure of good they will receive, **G-d gave the Jews the Ten Days of** ***Teshuvah,*** **the days between Rosh HaShanah and Yom Kippur.**[1] **Through** their **Divine service during these days, they can elicit even more and greater** blessings **from** G-d's **full and abundant hand,** blessings so great that only **He is capable of granting them.**

אָבֶּער צוּ גוּט אִיז דָאךְ קֵיין שִׁיעוּר נִיטָא. אוֹיף דֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי טֶעג וָואס צְווִישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּפּוּר - עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה - וָואס דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה אִין דִי טֶעג, קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן, אַז יוֹם כִּפּוּר זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן מֶערֶער און נָאךְ מֶערֶער, מִיָּדוֹ הַמְּלֵאָה וְהָרְחָבָה, אַזוֹי ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען.

**What Divine service is mandated during these days? The** ***Machzor*** **specifically highlights** ***teshuvah, tefilah,*** **and** ***tzedakah,*** indicating that **through these three modes of service, we prompt G-d to grant** blessings **from His full and abundant hand.**

וָואס אִיז דִי עֲבוֹדָה ווֶעלְכֶע עֶס פָּאדֶערְט זִיךְ אִין דִי טֶעג? - זָאגְן מִיר אִין מַחֲזוֹר, אַז דָאס אִיז - תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה וּצְדָקָה, וָואס דוּרְךְ דִי דְרַיי זַאכְן פּוֹעֵל'ט מֶען בַּיי דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גֶעבְּן מִיָּדוֹ הַמְּלֵאָה וְהָרְחָבָה.

## Words Are Telling

2. **On the surface,** *teshuvah, tefilah,* and *tzedakah* **also exist among non-Jews** in some form. **They also** practice **"repentance, prayer, and charity." Nevertheless, in truth, there is a great and fundamental distinction between the manner in which these three** modes of service **are practiced by Jews and by non-Jews. The difference is expressed through** a comparison between **the**

ב. דִי דְרַיי זַאכְן זַיְינֶען, ווֶען גֶעקוּקְט אוֹיבֶּערְפְלֶעכְלֶעךְ, פַּארַאן אוֹיךְ בַּיי נִיט אִידְן, לְהַבְדִיל. אוֹיךְ בַּיי נִיט אִידְן אִיז פַּארַאן "רֶעפֶּענְטֶענְס, פְּרֵייעֶר און טשַׁארִיטִי". אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז אַ גְרוֹיסֶער און אַ קַארְדִינַאלֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד, אִין דִי דְרַיי זַאכְן, ווִי זַיי זַיְינֶען בַּיי אִידְן בִּיז לְהַבְדִיל בַּיי נִיט אִידְן. און דֶער

1. See *Likkutei Sichos,* Vol. 4, p. 1114, which explains the wording "the Ten Days between Rosh HaShanah and Yom Kippur."

**terms** used: ***teshuvah*** – generally translated in English as **"repentance,"** ***tefilah*** – generally translated as **"prayer," and *tzedakah*** – generally translated as **"charity."**

אוּנְטֶערְשֵׁייד דְּרִיקְט זִיךְ אוֹיס אוֹיךְ אִין דִּי וֶוערְטֶער אַלֵיין פוּן תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה.

## Expressing One's Inner Self

**3. *Teshuvah*: In *Lashon HaKodesh*, the Holy Tongue, the precise translation of the English term "repentance" is** not *teshuvah* but ***charatah,*** a word which connotes "regret." **Jews do not describe** our service **with the term *charatah* but with the term *teshuvah*.**

***Charatah* and *teshuvah* have opposite implications. *Charatah* places emphasis on** starting **anew. The person regrets having done something not good**[2] **or failing to have done something good, and,** therefore, he **desires to follow a new** and better **path** in the future.

***Teshuvah,*** however, **underscores "returning."** The Torah sees **a Jew as inherently good, a person who** innately **desires to do good.** If **he does something that is not good, it is only as a result of various** external **causes for which he is not – or is only partially – responsible.** Those actions do not define him. **Fundamentally, he is good.**

**This is the meaning of *teshuvah*.** The Jew **returns to his root and source, to his inner self, and** by **revealing his inner self,** he enables it **to control and direct his life. For this reason, *teshuvah* is relevant for everyone;**[3] it applies **even to a *tzadik*, a righteous man. The intent is that he is continually striving to reach** the core of **his inner self and reveal it.**

Conversely, this approach to ***teshuvah*** **is also applicable to a *rasha*, a wicked person,**

ג. תְּשׁוּבָה:

דִּי גֶענוֹיעֶ אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן "רֶעפֶּענְטֶענְס" - אוֹיף לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אִיז - חֲרָטָה. אָבֶּער בַּיי אִידְן הֵייסְט עֶס נִיט מִיטְן נָאמֶען חֲרָטָה, נָאר מִיטְן נָאמֶען תְּשׁוּבָה.

דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן חֲרָטָה בִּיז תְּשׁוּבָה אִיז אַ הֶפְכִּית'דִיקֶער:

חֲרָטָה אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְט - אַ נַייְעֶ זַאךְ. אִים פַארְדְרִיסְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן נִיט קֵיין גוּטֶע זַאךְ אָדֶער נִיט דֶערְטָאן אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן עֶר וִויל פִירְן זִיךְ אוֹיף אַ נַייְעֶם וֶועג.

תְּשׁוּבָה אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְט - אוּמְקֶערְן זִיךְ. אַ אִיד אִיז בְּעֶצֶם גוּט אוּן עֶר וִויל טָאן גוּטְס, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת, אִין וֶועלְכֶע עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן נִיט שׁוּלְדִיק אָדֶער אַ בִּיסְל שׁוּלְדִיק, הָאט עֶר גֶעטָאן נִיט קֵיין גוּטֶע זַאךְ. אָבֶּער בְּעֶצֶם אִיז עֶר דָאךְ גוּט.

אוּן דָאס אִיז דֶער זִין פוּן תְּשׁוּבָה, אַז עֶר קֶערְט זִיךְ אוּם צוּ זַיְין שֹׁרֶשׁ וּמָקוֹר, צוּ זַיְין אִינֶעוֵוייניִקְסְטְן אִיךְ, אוּן עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט זַיְין אִינֶעוֵוייניִקְסְטְן אִיךְ, אַז דָאס זָאל בַּיי אִים זַיְין דֶער בַּעַל־הַבַּיִת אִין זַיְין לֶעבְּן.

דֶערְפַאר אִיז פַארַאן תְּשׁוּבָה בַּיי אַלֶעמֶען[ג], אוֹיךְ בַּיי אַ צַדִּיק אִיז שַׁיָּיךְ תְּשׁוּבָה. דָאס מֵיינְט, אַז כְּסֵדֶר שְׁטְרֶעבְּט עֶר אוֹיף צוּקוּמֶען צוּ זַיְין אִינֶעוֵוייניִקְסְטְן אִיךְ אוּן אַנְטְפְּלֶעקְן אִים. אוּן אוֹיךְ בַּיי אַ רָשָׁע אִיז שַׁיָּיךְ תְּשׁוּבָה,

---

2. In characteristic fashion, the Rebbe refrained from using the term "bad."

**3. See *Kuntreis Bikkur Chicago*, p. 23ff. (reprinted in *Sefer HaSichos 5702*, p. 47ff.,** translated in *Touching a City's Soul*, p. 23ff.).

**because no matter how low he has fallen, he always has the potential to do *teshuvah*.** The rationale is that **he is not bringing about anything new. All that is necessary for him to do is to return to his inner self.**

וואָרום ווי גֶעפַאלְן עֶר זָאל נִיט זַיְין, הָאט עֶר אַלֶעמָאל דִי מֶעגְלֶעכְקַיְיט תְּשׁוּבָה טָאן, ווִיבַּאלְד עֶר דַארְף נִיט אוֹיפְטָאן קֵיין נַיְיעֶ זַאךְ, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר אוּמְקֶערְן צוּ זַיְין אִינֶעווֵייניקְסְטְן אִיךְ.

## Intensifying Our Connection

**4. *Tefilah:* The precise translation of the English term "prayer" in *Lashon HaKodesh* is *bakashah,* "supplication." However, Jews** describe our service **with the term *tefilah* rather than *bakashah*.**

**The terms *bakashah* and *tefilah* involve an extreme contrast:[4] *bakashah* means "supplication," while *tefilah* means "bonding."**

The term **"supplication" implies "entreating" – i.e., one asks G-d to satisfy his needs from Above.** Thus, **when one has no needs, nor a desire for anything, supplication is not relevant.** ***Tefilah***, however, **highlights bonding with G-d,[5]** elevating oneself **from below. This** type of service **is relevant to all people at all times,** whether or not they are lacking anything and regardless of their spiritual standing.

**Every Jew possesses a soul that is connected with G-d. Nevertheless, since the soul descended into the body and is connected with it, the soul must also relate to material functions such as eating, drinking, and the like. During the times** it is involved with such matters, **its connection with G-d is weakened. For this** reason, **there are certain times during the day for *tefilah,*** during

ד. תְּפִלָּה:

דִי גֶענוֹיעֶ אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן "פְּרֵייעֶר" - אוֹיף לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אִיז - בַּקָּשָׁה. אָבֶּער בַּיי אִידְן הֵייסְט עֶס נִיט מִיטְן נָאמֶען בַּקָּשָׁה נָאר מִיטְן נָאמֶען תְּפִלָּה.

דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן בַּקָּשָׁה בִּיז תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ אַ הָפְכִית'דִיקֶער:

בַּקָּשָׁה מֵיינְט בֶּעטְן אוּן תְּפִלָּה מֵיינְט בַּאהֶעפְטְן זִיךְ.

בַּקָּשָׁה אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְט - בֶּעטְן. מֶען בֶּעט בַּיי דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גֶעבְּן - מִלְּמַעְלָה לְמַטָּה - דָאס וואָס עֶס פֶּעלְט. בְּשַׁעַת עֶס פֶּעלְט נִיט אָדֶער עֶס אִיז נִיטָא קֵיין רָצוֹן אוֹיף אַ זַאךְ, אִיז נִיט שַׁיָּיךְ קֵיין בַּקָּשָׁה. תְּפִלָּה אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְט - בַּאהֶעפְטְן זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה. דָאס אִיז שַׁיָּיךְ בַּיי אַלֶעמֶען אוּן אַלֶעמָאל.

יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְשָׁמָה וואָס זִי אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער מִצַּד דֶעם וואָס דִי נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ אִין גוּף אוּן פַארְבּוּנְדְן מִיט אִים, מוּז דִי נְשָׁמָה פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיט גוּפְנִיּוּת'דִיקֶע עִנְיָנִים, אַזוֹי ווִי עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן דָאס גְלַייךְ וואָס אִין דֶער צַייט ווֶערְט אָפְּגֶעשְׁוואַכְט אִיר פַארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיף דֶעם זַיְינֶען פַאראַן גֶעווִיסֶע צַייטְן אִין טָאג אוֹיף תְּפִלָּה, בִּכְדֵי צוּ

4. The literal translation of the original is that they are opposites because, as stated in the following paragraph, "supplication" involves asking G-d to satisfy one's needs from Above, while *tefilah* involves man's efforts to elevate himself from below and connect to G-d.

**5. See *Rashi, Bereishis* 30:8,** which interprets the root letters of the word *tefilah* – ת, פ, and ל – in this manner, **and the *Tzemach Tzedek's Or HaTorah, Bereishis,* Vol. 2, 380a,** which expands upon that interpretation.

which **the soul's connection with G-d is renewed and strengthened.**

**Accordingly,** ***tefilah*** **– with its full intensity – is relevant to** everyone, **even those who are not lacking anything at all, for** ***tefilah*** **does not** involve **only supplication and requests. Instead, it is fundamentally** an opportunity **for a person to refresh his connection and attachment to G-d.**

בַּאנַייעֶן דֶעם פַּארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, און פַאְרשְׁטַארְקְן אִים.

דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי וֶועלְכֶע עֶס פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, פַּארַאן - אוּן מִיט דֶער גאַנְצֶער שְׁטַארְקַייט - דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, וַוייל תְּפִלָּה אִיז נִיט נָאר גֶעבֶּעט און בַּקָשָׁה נָאר דֶער עִיקָר - דֶער אָפְּפְרִישׁ פוּן דֶעם פַּארְבּוּנְד אוּן דְבֵקוּת פוּן אִים מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

## Why Give to Another

**5.** ***Tzedakah:*** **The term "charity" is precisely translated in** ***Lashon HaKodesh*** **as** ***chesed,*** which also means "**generosity.**" **However, Jews use the term** ***tzedakah*** **rather than** ***chesed.*** There is a radical **difference between the terms** ***chesed*** **and** ***tzedakah.***

***Chesed,*** "**generosity,**" reflects the character of the giver, **that he is a good person. Even though the recipient does not deserve** the gift **and** the giver **has no obligation to give, he gives to him only out of the kindness of his heart.**

**By contrast,** ***tzedakah*** derives from the root *tzedek,* which **means "justice,"** something expected of a person. **There are two ways** to explain why this term is appropriate:

**a)** The giver is not giving merely as an act of kindness. Instead, **he is obligated to give to the other,** because **he realizes that what he is giving is not his own. G-d entrusted him with** his wealth only **as a deposit to be given to others.**

**b) He needs G-d to satisfy** his needs. Now, **G-d certainly does not owe him** anything. So **too,** to initiate the motif of "**measure for measure,**" **he must – and is obligated to – give to others, even though he does not owe them anything. This generates** a reciprocal response **Above,** causing **G-d also to give him more than what he is worthy** of receiving, **since he gave** others **in a manner that surpassed his potential.**

ה. צְדָקָה:

דִי גֶענוֹיעֶ אִיבֶּערְזֶעצוּנְג פוּן "טשַׁארִיטִי"- אוֹיף לְשׁוֹן קֹדֶשׁ אִיז - חֶסֶד. אָבֶּער בַּיי אִידְן הֵייסְט עֶס נִיט מִיטְן נָאמֶען חֶסֶד נָאר מִיטְן נָאמֶען צְדָקָה. דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן חֶסֶד בִּיז צְדָקָה אִיז אוֹיךְ אַ הֲפָכִית'דִיקֶער:

חֶסֶד אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְט אַז עֶר אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטשׁ. דָאס הֵייסְט - יֶענֶעם קוּמְט נִיט אוּן עֶר אִיז נִיט מְחוּיָּב אִים צוּ גֶעבְּן, נָאר מִצַּד גוּטְסְקַייט גִיט עֶר.

דַאקֶעגְן צְדָקָה אוּנְטֶערְשְׁטְרַייכְט גֶערֶעכְטִיקַייט. אוּן דָאס אִיז אִין צְווֵיי אוֹפַנִים:

א) עֶר אִיז מְחוּיָּב צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם. עֶר ווייס אַז עֶר גִיט נִיט זַיינֶע; דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעגֶעבְּן בְּפִקָּדוֹן בִּכְדֵי עֶר זָאל עֶס גֶעבְּן יֶענֶעם.

ב) אַזוֹי וִוי עֶר מוּז דָאךְ אָנְקוּמֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן, וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים גֶעווּיס נִיט שׁוּלְדִיק, דַארְף עֶר אוּן אִיז מְחוּיָּב טָאן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, גֶעבְּן יֶענֶעם, כָאטשׁ עֶר אִיז אִים נִיט שׁוּלְדִיק. דֶערְמִיט אִיז עֶר מְעוֹרֵר אוֹיךְ לְמַעְלָה, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים גֶעבְּן מֶערֶער ווִיפְל עֶר אִיז ווֶערְט, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אִיבֶּער זַיינֶע כּחוֹת.

This applies **especially when he gives *tzedakah* that benefits many people and particularly when he gives *tzedakah* that benefits Torah institutions.** In that instance, he generates an ever-increasing spiral of positive activity because **whoever is educated in these institutions** will become **a foundation upon which a future Jewish home** will be **built and a future** source of **guidance and direction in his community. When a person gives *tzedakah* to such institutions, he can come to G-d with the claim, "I gave to Your concerns** in a manner **beyond my potential; give me more than I deserve for my concerns."**

וּבִפְרַט צְדָקָה וואָס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ רַבִּים, וּבְיִחוּד צְדָקָה אוֹיף מוֹסְדוֹת תּוֹרָה, וואָס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן דִי וואָס דֶערְצִיעֶן זִיךְ אִין דִי מוֹסְדוֹת אִיז אַ צוּקוּנְפְטִיקֶער יְסוֹד אוֹיף אַ בִּנְיַן בַּיִת בְּיִשְׂרָאֵל, אַ צוּקוּנְפְטִיקֶער וועג־ווַייזֶער אִין זַיְין סְבִיבָה, אִיז אַז מֶען גִיט צְדָקָה אוֹיף אַזֶעלְכֶע מוֹסְדוֹת תּוֹרָה, קֶען מֶען קוּמֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און זָאגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן מֶערֶער פוּן מַיְינֶע כֹּחוֹת אוֹיף דַיְינֶע עֲסָקִים, כִּבְיָכוֹל, גִיבּ דוּ מֶער ווִי עֶס קוּמְט, אוֹיף מַיְינֶע זַאכְן.

## Eliciting Divine Blessings

**6. Through these three – *teshuvah*, *tefilah*, and *tzedakah* – we motivate** G-d **to seal our inscription for a good** and sweet year. **When we return to our innermost selves (*teshuvah*), bond with G-d (*tefilah*), and give *tzedakah*** as an expression of **justice, then, regardless of the goodness that G-d** generously **bestows** upon us **on Rosh HaShanah, He will grant even more on Yom Kippur,** blessing us and all our fellow Jews with **a good and sweet year,** replete **with apparent and revealed good.**

ו. דָאס זַיְינֶען דִי דְרַיי זַאכְן פוּן תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה און צְדָקָה, דוּרְךְ ווֶעלְכֶע מֶען פּוֹעֵל'ט עֶס זָאל זַיְין אַ חֲתִימָה און גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה. בְּשַׁעַת מֶען קֶערְט זִיךְ אוּם צוּם אִינֶעווֵיינִיקְסְטְן אִיךְ - תְּשׁוּבָה, - מֶען בַּאהֶעפְט זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - תְּפִלָּה, - און מֶען גִיט צְדָקָה מִיט גֶערֶעכְטִיקַיְיט, דַאן אִיז ווִיפְל גוּטְס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, גִיט עֶר יוֹם כִּפּוּר נָאךְ מֶערֶער, אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה בְּטוֹב הַנִּרְאֶה וְהַנִּגְלֶה.

(משיחת ו' תשרי, תשי"ג)

ה) זע קונטרס ביקור שיקאגא עמוד 23 (סה"ש תש"ב ע' 47).

ו) זע רש"י בראשית ל, ח. אור התורה להצמח צדק ויחי שפ, א.

# VAYEILECH III | וילך ג

Adapted from *sichos* delivered on *Shabbos Parshas Haazinu* and 6 Tishrei, 5727 (1966)

## Introduction

The *Beis HaMikdash* is not only a structure that once existed in Jerusalem, but an inner place that continues to exist in each one of our hearts.[1] Based on that understanding, learning about the service that the *Kohen Gadol* would carry out on Yom Kippur not only teaches us about the practices that he observed years ago, but also provides us guidelines for our own Divine service on Yom Kippur – and, indeed, beyond that day.

There were two aspects to the *Kohen Gadol's* service on Yom Kippur. He would carry out his service in the courtyard of the *Beis HaMikdash* and the *Heichal* (its outer sanctuary) while wearing his golden garments. However, he would perform his service in the Holy of Holies while wearing white garments.

We must have both golden and white garments in our service of G-d. When, for example, we are approached for *tzedakah,* gifts for charity, we must put on our golden garments, giving generously from the resources that G-d has granted us. However, we must also possess pure, white garments, a mode of service in which we detach ourselves from all physical concerns.

What is unique about the service of the *Kohen Gadol* is that it involved continually alternating between these two sets of garments. His service in golden garments – the dedication of material resources to G-d's service – was complemented and balanced by his moving beyond such matters and focusing on the inner voice of his soul. The interrelation of the two reflects how the Torah sees the material and the spiritual as integral parts of a single picture.

After carrying out his entire service on Yom Kippur, the *Kohen Gadol* would recite a short prayer for a good year for himself, his tribe, and all the Jews throughout the world. Similarly, when every Jew carries out this service in his inner Holy of Holies, with a few choice words uttered at select moments, he can ensure a prosperous year, one of health and well-being, for himself and our entire people.

---

1. *Torah Or,* p. 87a, interpreting the promise (*Shmos* 25:8), "I will dwell among them," as referring to the Sanctuary within every Jew's heart.

# Every Jew a *Kohen Gadol*

## The *Kohen Gadol's* Service on Yom Kippur

**1.** Our Sages[1] speak of **"the *ten* days between Rosh HaShanah and Yom Kippur." Since there are only *seven* days between Rosh HaShanah and Yom Kippur, it is understood that the Ten Days of *Teshuvah* also include Rosh HaShanah and Yom Kippur. The fact that one term – the Ten Days of *Teshuvah* – is used to describe all these ten days indicates that they are a single unit that begins with Rosh HaShanah and concludes with Yom Kippur. Thus, it follows that the preparations for Yom Kippur already begin from the first moment of Rosh HaShanah.**

**On Rosh HaShanah, the *mitzvah* of the day is** the sounding of **the *shofar*.[2] On Yom Kippur, the fundamental aspect** of the day **is the service of the *Kohen Gadol*** in the *Beis HaMikdash.* **Throughout the year, the service** in the *Beis HaMikdash* **would also be carried out by other *kohanim*, but on Yom Kippur, the *Kohen Gadol* himself would perform all aspects of the service** of the day.[3]

**There were two aspects to the service of Yom Kippur. One was fulfilled by the *Kohen Gadol* while wearing his golden garments.[4]** (Aside **from gold, these garments** were made from **other materials as well, but** our Sages[5] **refer to them as "golden garments.") Another part** of

א. אִין דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן "עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה" גֵייעֶן אַרַיְין אוֹיךְ בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט יוֹם כִּפּוּר. וָוארוּם דִי טֶעג וָואס צְווִישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר זַיְינֶען דָאךְ מֶער נִיט וִוי זִיבְּן טֶעג, אִיז דָאךְ דֶערְפוּן מוּבָן, אַז עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִיז כּוֹלֵל אוֹיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים.

דֶערְפוּן וָואס אַלֶע צֶען טֶעג וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיט אֵיין נָאמֶען - עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה - אִיז אַ רְאָיָה אַז דִי אַלֶע טֶעג זַיְינֶען אֵיין מְצִיאוּת, וָואס דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן דֶעם אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער סוֹף אִיז יוֹם כִּפּוּר.

פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוֹיבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן דִי הֲכָנָה צוּ יוֹם כִּפּוּר.

מִצְוַת הַיּוֹם פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז שׁוֹפָר[ב]. דִי נְקוּדָה פוּן יוֹם כִּפּוּר אִיז עֲבוֹדַת כֹּהֵן גָּדוֹל. וָוארוּם אַ גַאנְץ יָאר הָאבְּן גֶעטָאן דִי עֲבוֹדָה אוֹיךְ אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים, אוּן יוֹם כִּפּוּר הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַלֵיין גֶעדַארְפְט טָאן אַלֶע עֲבוֹדוֹת.

אִין עֲבוֹדַת כֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם כִּפּוּר זַיְינֶען גֶעוֶוען צְווֵיי טֵיילְן. אֵיין טֵייל וָואס עֶר פְלֶעגְט טָאן בְּבִגְדֵי זָהָב - אִין דִי בְּגָדִים זַיְינֶען גֶעוֶוען נָאךְ מִינִים אוֹיסֶער זָהָב, אָבֶּער עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען בִּגְדֵי זָהָב -

---

1. *Rosh HaShanah* 18a.

2. ***Rosh HaShanah* 26b.**

3. *Yoma* 32b.

4. See *Rambam*, *Hilchos Klei HaMikdash* 8:2, where he states, "The golden garments are the garments of the *Kohen Gadol.* There were eight garments: In addition to the four of an ordinary *kohen*, there were the cloak, the *ephod*, the breastplate, and the forehead plate."

5. *Rosh HaShanah* 26a; *Yoma* 31b, 32b; *et al.*

his service **was carried out** by the *Kohen Gadol* while wearing **"white garments,"**[6] which were fashioned from **pure linen.**

**There were three areas in the *Beis HaMikdash*** where this service was carried out: a) **the courtyard,** b) **the *Heichal*** (the outer sanctuary in the building of the *Beis HaMikdash* which paralleled ***Ohel Mo'ed*** in the *Mishkan* that accompanied the Jews during their journey in the desert), **and** c) **the Holy of Holies. The *Kohen Gadol* carried out the service in the courtyard and the *Heichal* while wearing** his **golden garments; he performed the service in the Holy of Holies while wearing** his **white garments.**

אוּן אַ צְווייטְן טייל, בְּבִגְדֵי לָבָן, ריינֶע לַייוְונְט.

אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זַיְינֶען גֶעוועֶן דְרַיי אָפְּטֵיילוּנְגֶען: דִי עֲזָרָה, דֶער הֵיכָל אָדֶער דֶער אֹהֶל מוֹעֵד, אוּן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים. דִי עֲבוֹדוֹת אִין עֲזָרָה אוּן הֵיכָל פְלֶעגְט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל טָאן בְּבִגְדֵי זָהָב אוּן דִי עֲבוֹדוֹת אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים פְלֶעגְט עֶר טָאן בְּבִגְדֵי לָבָן.

## Every Jew a *Kohen Gadol*

**2. The destruction of the *Beis HaMikdash* affected only its physical structure – the stones, gold, and silver. However, the spiritual *Beis HaMikdash* that exists within the soul of every Jew remains intact at all times. No Jew – and definitely no non-Jew – can destroy that. As my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **declared,**[7] **"Only our bodies alone were banished into exile and subjugated to the rule of the nations [of the world]. Our souls were never exiled, nor were they subject to the rule of the nations."**

**All the** services performed in the *Beis HaMikdash* during the different **times of the year are also** mirrored within **the spiritual *Beis HaMikdash* that exists within every Jew. On Yom Kippur, every Jew – who is the *Kohen Gadol* in his** personal

ב. דֶער חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעווֶען נָאר אִין גַשְׁמִיּוּת'דִיקְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִין דִי שְׁטֵיינֶער, גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אָבֶּער דֶער רוּחְנִיּוּת'דִיקֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי יֶעדֶער אִידְן אִינֶעווֵיינִיק, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין דֶער נְשָׁמָה פוּן יֶעדֶער אִידְן, דָאס אִיז פַּארַאן אוּן בְּלַייבְּט אַלֶעמָאל גַאנְץ. אֲפִילוּ אַ אִיד קֶען דָאס חַס וְשָׁלוֹם נִיט חָרוּב מַאכְן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז אַ גוֹי קֶען דָאס נִיט חָרוּב מַאכְן.

- אַזוֹי וִוי כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר הָאט גֶעזָאגְט[ח]: אַז נָאר אוּנְזֶערֶע גוּפִים זַיְינֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין גָלוּת וְשִׁעְבּוּד מַלְכִיּוֹת, אָבֶּער אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת הָאט מֶען אִין גָלוּת נִיט פַּארְטְרִיבְּן אוּן אִין שִׁעְבּוּד מַלְכִיּוֹת נִיט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן. -

אִין דֶעם רוּחְנִיּוּת'דִיקְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי יֶעדֶער אִידְן, זַיְינֶען אוֹיךְ פַּארַאן דִי אַלֶע זְמַנִּים פוּן יָאר. אוּן בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט יוֹם כִּפּוּר, דַארְף יֶעדֶער אִיד, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן

6. *Yoma* 32a-b, *et al.* See *Rambam, Hilchos Klei HaMikdash* 8:3, "The white garments are the four garments that the *Kohen Gadol* would wear on Yom Kippur. They are: a tunic, leggings, a sash, and a turban. They are all white, their threads are six-fold, and they are made from linen alone."

7. **3 Tammuz, 5687** (1927); ***Likkutei Dibburim,* p. 692a; *Sefer HaSichos 5687,* p. 169.**

*Beis HaMikdash* – **must fulfill all the** various aspects of the **service** there **without relying on anyone else. The** service **that he must carry out has two parts – the service in the Holy of Holies** carried out **in white garments and the other services carried out in golden garments.**

גָּדוֹל אִין זַיְין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, טָאן אַלֵיין אַלֶע עֲבוֹדוֹת אוּן נִיט פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף אַן אַנְדֶערְן. אוּן אִין דֶעם וָואס עֶר דַארְף טָאן, זַיְינֶען פַארַאן צְווֵיי טֵיילְן: דִי עֲבוֹדוֹת אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים בְּבִגְדֵי לָבָן אוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע עֲבוֹדוֹת בְּבִגְדֵי זָהָב.

## Everything in Its Time

3. ***Rambam***[8] **states that the reason the *kohanim* had to wear garments** that were made **"for honor and splendor"**[9] **while serving** in the *Beis HaMikdash* **is because** only **the most attractive and beautiful articles must be used for holy matters.** This clarifies why, **on Yom Kippur, outside the Holy of Holies, the service had to be** carried out while wearing **golden garments. Gold is** always **highly valued, and** clothing made of gold **creates an impression** of wealth and honor. For this reason, the *Kohen Gadol* **carried out** his **service in the *Beis HaMikdash* – particularly on Yom Kippur** – while wearing **golden garments.**

**Accordingly, it is not understood why** the most sacred service, **the service in the Holy of Holies, was carried out** while wearing **white garments. The Holy of Holies is the most holy** of places. **Certainly, there, the** *Kohen Gadol's* **service should have been carried out** while wearing **golden garments!**

To offer an explanation: **Everyone must serve G-d with all the potentials he possesses. When someone approaches a wealthy man** to ask for ***tzedakah*, the** wealthy man **cannot** excuse himself by **explaining that he is fulfilling his obligations through prayer and** studying **Torah,** ***Chassidus,*** **and Jewish Law. He must know that in the *Beis HaMikdash,* golden garments are necessary** – i.e., he must give generously of his riches.

**Conversely, however,** such a person **must**

ג. דֶער טַעַם וָואס דִי כֹּהֲנִים בַּעֲבוֹדָתָם הָאבְּן גֶעדַארְפְט אָנְטָאן בְּגָדִים לְכָבוֹד וּלְתִפְאֶרֶת - וְכַנַּ"ל וָואס יוֹם כִּפּוּר הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין דִי עֲבוֹדָה בְּבִגְדֵי זָהָב, אוֹיסֶער אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים - שְׁרַיְיבְּט דֶער רַמְבַּ"ם[ט], וַוְיְיל אִין קְדוּשָּׁה דַארְף מֶען נוּצְן דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאכְן. גָאלְד פַארְנֶעמְט אַ וויכְטִיק אָרְט אוּן עֶס מַאכְט אַן אַיְינְדְרוּק אוֹיפְן מֶענְטשְׁן, דַארְף זַיְין דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּפְרַט בְּיוֹם כִּפּוּר, בְּבִגְדֵי זָהָב.

אִיז דָאךְ לוֹיט דֶעם נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, פַארְוָואס דַוְקָא אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז גֶעוֶועְן דִי עֲבוֹדָה בְּבִגְדֵי לָבָן? אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז דָאךְ נָאךְ הֵיילִיקֶער, הָאט דָאךְ דָארְטְן אַ וַדַּאי גֶעדַארְפְט זַיְין דִי עֲבוֹדָה בְּבִגְדֵי זָהָב?

דֶער עִנְיָן אִיז: יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיְינֶע אַלֶע כֹּחוֹת.

בְּשַׁעַת מֶען קוּמְט צוּ אַ גְבִיר נָאךְ צְדָקָה, קֶען עֶר נִיט טַעֲנֶה'ן אַז עֶר וֶועט יוֹצֵא זַיְין מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, לֶערְנֶען חֲסִידוּת אוּן נִגְלֶה, - עֶר דַארְף וויסְן אַז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין בִּגְדֵי זָהָב.

פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט, דַארְף מֶען

8. ***Moreh Nevuchim,* Vol. 3, ch. 45.**

9. *Shmos* 28:2.

**remember that he cannot fulfill his** spiritual **obligations merely with golden garments – by supporting *yeshivos* and other charitable causes. He must also possess** – and, when necessary, put on – **pure, white garments,** i.e., he must occupy himself with **spiritual matters that are detached from physical and material** concerns.

Both these spheres of activity are important and **each one of them must be carried out in a manner appropriate for its place. For the service performed outside the Holy of Holies, one must use golden garments.** Indeed, it is precisely for this service **in the *Beis HaMikdash*** that **one must use golden garments, as the Midrash states,[10] "It was not fitting [for the world] to use gold. [Why] was [it] created? Only for the *Beis HaMikdash*." That was the primary purpose of creating gold, and** only **as a by-product did it also become available for all worldly** concerns. **Every Jew understands that what is of primary importance** – using gold for spiritual concerns – **should not be considered a secondary matter, and those secondary matters** – using gold for material things – **should not be considered of primary importance.**

**However, when** entering **the Holy of Holies,** the inner sanctuary **within every Jew's soul, it is not fitting to bring in gold.** There, **a wealthy man** is the same **as everyone else. Service in the Holy of Holies has to be fulfilled while wearing white garments.**

גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִיט יוֹצֵא זַיְין בְּלוֹיז מִיט אוֹיסְהַאלְטְן יְשִׁיבוֹת און דָאס גְלַיְיךְ - בִּגְדֵי זָהָב - נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיךְ בִּגְדֵי לָבָן, רֵיינֶע קְלֵיידֶער, עִנְיָנִים רוּחְנִיִּים וְואס זַיְינֶען רֵיין און אוֹיסְגֶעטָאן פוּן גַשְׁמִיּוּת און חוּמְרִיּוּת.

און יֶעדֶע אֵיינֶע פוּן זֵיי דַארְף זַיְין צוּגֶעפַּאסְט צוּ אִיר אָרְט. בַּיי דִי עֲבוֹדוֹת וְואס אוֹיסֶער קָדְשֵׁי קָדָשִׁים - דַארְף מֶען נוּצְן בִּגְדֵי זָהָב, אוֹיסְנוּצְן בִּגְדֵי זָהָב אוֹיף בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זַאכְן.

- וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[10]: לֹא הָיָה רָאוּי זָהָב לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ וְלֹא נִבְרָא אֶלָּא בִּשְׁבִיל בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער עִיקַר בְּרִיאַת הַזָּהָב אִיז גֶעוֶוען צוּלִיב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און מִצַּד דֶעם אִיז דָאס דָא אוֹיךְ אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. און יֶעדֶער אִיד פַּארְשְׁטֵייט דָאךְ, אַז מֶען דַארְף נִיט מַאכְן דֶעם עִיקָר פַאר אַ טָפֵל און דֶעם טָפֵל פַאר אַן עִיקָר. -

אָבֶּער בְּשַׁעַת עֶס רֶעדט זִיךְ וֶועגְן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, דֶער קָדְשֵׁי קָדָשִׁים פוּן יֶעדֶער אִידְנְס נְשָׁמָה, דַארְטְן דַארְף מֶען זָהָב נִיט אַרַיינְנֶעמֶען. דֶער גְבִיר, - מִיט אַלֶעמֶען גְלַיְיךְ. דִי עֲבוֹדוֹת פוּן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים דַארְף מֶען טָאן בְּבִגְדֵי לָבָן.

## Knowing One's Responsibilities

**4. This is the** defining **characteristic of the Ten Days of *Teshuvah* that begin with** the sounding of **the *shofar* on Rosh HaShanah and conclude with the service of the *Kohen Gadol* on Yom Kippur.**

**At the beginning of the Ten Days of *Teshuvah*, we sound a *shofar*, an animal's horn. The *shofar* blasts are not musical; they are simple tones** of

ד. און דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, וֶועלְכֶע הוֹיבְּן זִיךְ אָן מִיט דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיקְן שׁוֹפָר, און עֶנְדִיקְן זִיךְ מִיט עֲבוֹדַת כֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם כִּפּוּר.

צוּם אָנְהוֹיב עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַ שׁוֹפָר און מֶען בְּלָאזְט מִיט אִים. דֶער שׁוֹפָר אִיז אַ הָארְן פוּן אַ בְּהֵמָה,

10. *Bereishis Rabbah* 16:2.

varying duration – a ***tekiah, shevarim,*** **and** ***teruah.*** The implication is that **when a Jew presents himself before G-d,** it **is not** a time **for complexity;** at that time, **his connection with G-d is through a simple, heartfelt outcry. He cries out from the depths of his heart,** from his **innermost** core. **He is G-d's child and G-d is his Father – and he asks his Father to give him a good and sweet year.**

**The Ten Days of** ***Teshuvah*** **conclude with the service of the** ***Kohen Gadol*** **in the two dimensions mentioned above, i.e.,** a Jew **knows – and resolves – to serve G-d with golden garments and with white garments. Regarding those matters outside the Holy of Holies, he realizes that since G-d gave him financial resources and a Jewish soul, he may not conceal himself in pure, white garments which are readily stained by anything** that comes into contact with them. In other words, **when he is approached** and asked to give **money,** he should not **refer those making the request to somebody else because he is** too **holy** and **pure.** Instead, since **he knows that the** ***Beis HaMikdash*** **– or the** ***yeshivah,*** **the** ***shul,*** **or the house of study – needs gold, he must give gold.**

**However, when it comes to the Holy of Holies, he is the same as everyone else. He does not go around in golden clothes. Instead,** he wears **pure, white garments, untainted by physical and material matters. He knows that no** ordinary physical objects **were found in the Holy of Holies. Even the showbread**[11] **– which was holy – was not** placed **in the Holy of Holies. All that was** there was **G-d, the Torah – the Ark of the Covenant containing the Tablets** of the Ten Commandments **– and the** ***Kohen Gadol.***

אויך דִי קוֹלוֹת וואָס מֶען בְּלָאזְט מִיט אִים זַיְינֶען נִיט קֵיין "מוּזִיקַאלִישֶׁע טֶענֶער" נָאר אֵיינְפַאכֶע קוֹלוֹת, תְּקִיעָה שְׁבָרִים און תְּרוּעָה. בְּשַׁעַת אַ אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוועֶק פַאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן זַיְינֶען נִיטָא קֵיין חָכְמוֹת. זַיְין פַארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז מִיט אַ פָּשׁוּט'ן הַארְצִיקְן אוֹיסְגֶעשְׁרֵיי. עֶר שְׁרַיְיט אוֹיס פוּן זַיְין טִיפְן הַארְצְן, פְּנִימִיּוּת הַלֵּב, אַז עֶר אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס אַ קִינְד און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז זַיְין פָאטֶער, בֶּעט עֶר, אַז דֶער טַאטֶע זָאל אִים גֶעבְּן אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

דֶער סִיּוּם פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן כֹּהֵן גָּדוֹל אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶע צְווֵיי טֵיילְן. דָאס הֵייסְט אַז עֶר ווֵייס און בַּאשְׁלִיסְט צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט בִּגְדֵי זָהָב, סַיי מִיט בִּגְדֵי לָבָן.

בְּנוֹגֵעַ דִי זַאכְן וואָס זַיְינֶען אוֹיסֶערְן קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, ווֵייס עֶר, אַז ווִיבַּאלְד דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט און אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, טָאר עֶר נִיט בַּאהַאלְטְן זִיךְ אִין בִּגְדֵי לָבָן, רֵיינֶע קְלֵיידֶער, וואָס יֶעדֶער זַאךְ אִיז אוֹיף זֵיי אַ פְלֶעק, און בְּשַׁעַת מֶען קוּמְט צוּ אִים ווֶעגְן גֶעלְט ווֶעט עֶר זָאגְן - זָאל מֶען גֵיין צוּ אַן אַנְדֶערְן וואָרוּם עֶר אִיז אַ קָדוֹשׁ וְטָהוֹר. עֶר ווֵייס אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דִי יְשִׁיבָה, בֵּית הַכְּנֶסֶת וּבֵית הַמִּדְרָשׁ דַארְף הָאבְּן זָהָב - דַארְף עֶר גֶעבְּן זָהָב.

בְּשַׁעַת אָבֶּער עֶס קוּמְט צוּ קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אִיז עֶר גְלַיְיךְ מִיט אַלֶעמֶען, עֶר גֵייט נִיט אַרוּם מִיט בִּגְדֵי זָהָב נָאר מִיט בִּגְדֵי לָבָן, ווַיְיסֶע רֵיינֶע קְלֵיידֶער, רֵיין פוּן גַשְׁמִיּוּת וְחוּמְרִיּוּת. עֶר ווֵייס אַז אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים הָאט זִיךְ קֵיין זַאךְ נִיט גֶעפוּנֶען, אֲפִילוּ דֶער לֶחֶם הַפָּנִים, וואָס עֶר אִיז הֵיילִיקֶע בְּרוֹיט, אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעוועֶן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים. מֶער נִיט ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, דִי תּוֹרָה - דֶער אָרוֹן און דִי לוּחוֹת - און דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל.

11. Perhaps the showbread (*Lechem HaPanim*) is mentioned here because it was the source of material blessing for the Jewish people. See *Zohar*, Vol. II, p. 253b.

## Seeing a Unified Picture

**5. This is the lesson for every Jew. The beginning of** one's **life, the beginning of** one's **Divine service, and the beginning of the year must** start **with a simple outcry to G-d that transcends the intellect. Afterwards, he must himself carry out the service in** his inner ***Beis HaMikdash,* which is intact even at present,** and he must do so while wearing – at their appropriate times – **golden garments and white garments.**

**When a person does this, the material and spiritual will blend together for him, as they did for the *Kohen Gadol.*** Although the golden garments and white garments were worn at separate times, nevertheless, they were exchanged several times – i.e., **the *Kohen Gadol* did not first put on golden garments,** remove them, store them away, **and then** put on **his white garments. Instead, he** continually **changed his garments, first** putting on **the golden garments, and then the white garments, and then again** putting on **the golden garments, then the white garments again, and then the golden garments again. The reason** for alternating back-and-forth **is that, for Jews, there is no separation between the material and the spiritual;** they are both integral parts of a single picture.

ה. און דָאס אִיז דֶער מוּסַר הַשְׂכֵּל פַאר יֶעדֶער אִידְן:

דִי הַתְחָלָה פוּן לֶעבְּן, דִי הַתְחָלָה פוּן עֲבוֹדָה און דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן יָאר, דַארְף זַיְין מִיט אַ פָּשׁוּט'ן אוֹיסְגֶעשְׁרַיי צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל, און דֶערְנָאךְ דַארְף עֶר אַלֵיין טָאן דִי עֲבוֹדוֹת אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס עֶר אִיז גַאנְץ אוֹיךְ אִיצְטֶער, אִין בִּגְדֵי זָהָב און אִין בִּגְדֵי לָבָן.

און בְּשַׁעַת עֶר וֶועט אַזוֹי טָאן - וֶועלְן בַּיי אִים גֵיין גַשְׁמִיוּת און רוּחְנִיוּת צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר בַּיי דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל אִיז גֶעוֶוען. נִיט עֶר הָאט פְּרִיעֶר אָנְגֶעטָאן דִי בִּגְדֵי זָהָב און נָאכְדֶעם דִי בִּגְדֵי לָבָן, נָאר עֶר פְלֶעגְט זֵיי בַּיְיטְן. פְּרִיעֶר דִי בִּגְדֵי זָהָב, דֶערְנָאךְ דִי בִּגְדֵי לָבָן, דֶערְנָאךְ נָאךְ אַמָאל דִי בִּגְדֵי זָהָב און דֶערְנָאךְ נָאךְ אַמָאל דִי בִּגְדֵי לָבָן, און וִוידֶער אַמָאל - בִּגְדֵי זָהָב. וַוְיְיל בַּיי אִידְן אִיז גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת נִיט אָפְּגֶעטֵיילְט.

## Where a Jew and the Torah Are One

**6. On Yom Kippur, a Jew must contemplate and prepare himself to enter the Holy of Holies that exists within his inner self.**

**What does** entering one's personal **Holy of Holies mean?**

**In the Holy of Holies in the *Beis HaMikdash*, there was only the Ark, which contained the Tablets** of the Ten Commandments.

**In other words, the Holy of Holies was the place of the Tablets, the Torah as it is engraved** into stone – and into a Jew's heart.

ו. יוֹם כִּפּוּר דַארְף אַ אִיד זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן און צוּגְרֵייטְן זִיךְ אַרַיְינְצוּגֵיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים וָואס בַּיי אִים אִינֶעוֵוייְנִיק.

וָואס אִיז דֶער מֵיין פוּן קָדְשֵׁי הַקֳדָשִׁים?

אִין קָדְשֵׁי הַקֳדָשִׁים פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען מֶער נִיט וִוי דֶער אָרוֹן אַלֵיין, און אִין דֶעם אָרוֹן הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דִי לוּחוֹת. דָאס הֵייסְט:

**This is also what it means** for a Jew to enter **the Holy of Holies that exists within his inner self.** In that place, **a Jew's connection with the Torah, the Torah of Life, resembles engraved letters.** In other words, in contrast to letters written with ink on parchment, which inherently are two separate entities and, as such, can be scraped off or blotted out, the letters hewn into the stone are a single entity with the stone. Similarly, because the Torah is engraved within a Jew's inner being, he and the Torah are entirely one.[12]

קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים דָאס אִיז דֶער אָרְט פוּן לוּחוֹת - תּוֹרָה אִין אַן אוֹפֶן פוּן חֲקִיקָה - אַיְינְגֶעקְרִיצְטֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער מֵיין פוּן קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי יֶעדֶער אִידְן אִינֶעוֵוייְנִיק.

דֶער פַארְבּוּנְד פוּן אַ אִידְן מִיט תּוֹרָה, תּוֹרַת חַיִּים, אִיז אַ פַארְבּוּנְד אִין אַן אוֹפֶן פוּן חֲקִיקָה[יא].

## How to Enter the Holy of Holies

**7. When Yom Kippur arrives and a Jew must enter the Holy of Holies, he asks himself, "How can I enter the Holy of Holies when I am not wearing fancy or ornate garments?"**

**The answer to that is that entering the Holy of Holies does not require golden garments; nothing ornamental or** attractively **colored** is necessary. **What it does require is pure white garments, a pure and refined heart, and a pure and refined mind. After immersing himself** in the *mikveh* **on the day before Yom Kippur, every Jew possesses these,** because **that immersion washes away** all **matters that are not good or are inappropriate.**

ז. אַז עֶס קוּמְט יוֹם כִּפּוּרִים אוּן אַ אִיד דַארְף אַרַיְינְגֵיין אִין קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, וֶוערְט בַּיי אִים אַ שְׁאֵלָה: וִוי קֶען אִיךְ אַרַיְינְגֵיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, בְּשַׁעַת אַז אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן "נִיט פַארְפּוּצְט"?

אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט מֶען:

אוֹיף אַרַיְינְצוּגֵיין אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים פָּאדֶערְן זִיךְ נִיט קֵיין בִּגְדֵי זָהָב, קֵיין פַארְפּוּצוּנְגֶען, קֵיין קָאלִירְן. עֶס פָּאדֶערְן זִיךְ אָבֶער וַוְייסֶע רֵיינֶע קְלֵיידֶער, אַ רֵיינֶע אוֹיסְגֶעלַיְיטֶערְטֶע הַארְץ אוּן אַ רֵיינֶע אוֹיסְגֶעלַיְיטֶערְטֶע קָאפּ.

אוּן דָאס הָאט יֶעדֶער אִיד נָאךְ דֶער טְבִילָה עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר, אַ טְבִילָה, וָואס שְׁוֶוענְקְט אָפּ דִי נִיט גוּטֶע אוּן נִיט פַּאסִיקֶע זַאכְן.

## Eliciting Divine Blessing

**8. After carrying out his entire service in the golden garments and the white garments, the *Kohen Gadol* would recite a short prayer. With these few words, he would bring about a good year for himself, for his tribe, and for all the Jews throughout the entire world, even regarding material matters.**

ח. אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, נָאךְ דֶער גַאנְצֶער עֲבוֹדָה פוּן בִּגְדֵי זָהָב אוּן בִּגְדֵי לָבָן, פְלֶעגְט זָאגְן אַ תְּפִלָּה קְצָרָה, אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּטְן יָאר פַאר זִיךְ, פַאר זַיְין שֵׁבֶט, אוּן פַאר אַלֶע אִידְן אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת,

12. *Likkutei Torah, Vayikra,* p. 45a.

אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד, בְּשַׁעַת עֶר טוּט דִי עֲבוֹדָה אִין דֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים וָואס בַּיי אִים אִינְוֶוייְנִיק, אִיז מִיט אַ פָּאר גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער אִין גֶעצֵיילְטֶע מָאמֶענְטְן, בְּרֶענְגְט עֶר גְלִיק אוֹיף אַלֶע טֶעג פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

אוּן אַזוֹי ווִי דִי תְּפִלָּה פוּן כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז גֶעווֶען פַאר אַלֶע אִידְן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי תְּפִלָּה פוּן יֶעדֶער אִידְן יוֹם כִּפּוּר, וָואס עֶר קוּמְט דָאךְ צוּ גֵיין בְּבִגְדֵי לָבָן מִיט אַ רֵיינֶער הַארְץ אוּן אַ גוּטֶער כַּוָּנָה, טוּט עֶר אוֹיף - נִיט נָאר פַאר זִיךְ אוּן זַיְין פַאמִילְיֶע, נָאר פַאר אַלֶע אִידְן, יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִים זֶה בָּזֶה[יב], אוֹיף מַמְשִׁיךְ זַיְין אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(משיחת ז׳ תשרי תשי״ז)

**Similarly, when every Jew carries out the service in his inner Holy of Holies, with a few choice words** uttered **at select moments, he can bring about good fortune for all the days of the year** to come.

**The prayer the *Kohen Gadol*** recited after the Yom Kippur service **was for all Jews. Similarly, when every Jew prays on Yom Kippur,** approaching G-d **with white garments,** i.e., **a pure heart and a positive intent, he** generates blessing **not only for himself and his family, but for all Jews,** because **"all Jews are intertwined with each other."**[13] And, with his prayers, he **draws down** for himself and for them **a good and sweet year in** both **spiritual and material** matters.

13. *Shevuos* 39a; *Sanhedrin* 27b.

ז) זע לקו״ש ח״ב עמוד 405 הערה 1.
ח) ג׳ תמוז תרפ״ז. לקוטי דבורים תרצב, א. סה״ש תרפ״ז ע׳ 169.
ט) מורה נבוכים חלק ג פרק מה.
י) בראשית רבה פרשה טז, ב.
יא) לקוטי תורה ויקרא מה, א.
יב) שבועות לט, א. סנהדרין כז, ב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie